וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א


# קרית ברסלב בלעטל


פרשת שלח, כ"ח סיון תש"פ לפ"ק
שנה א' גליון ל"ו


**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות........................................8:18
מוצאי שבת ........................................9:49

## א מעשה פון תפלה

### מרדכי אהרן היילפרין

מען האט געדארפט צוריק געבן די עירוב טראק פאר די וועד העירוב אין מאנסי, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל נישט נעמען לאנג ביז ווען מען קען עס צוריק האבן פאר די באניץ פון די עירוב דא אין שטעטל, שכח אייבערשטער עס האט גענומען זייער שנעל עס צוריק צו באקומען.

### מנחם שטיינבערג

איינס פון די גאסן דא אין שטעטל איז א קליינע גאס וואס האט אין זיך יעצט נאר איין הויז ביי די אנהייב פון די גאס, טיפער אינעווייניג פון די גאס האט מען יעצט אפגעקויפט צו קענען בויען דירות פאר פרישע משפחות אנשי שלומינו, אבער די פראבלעם איז געווען אז עס האט נישט קיין עלעקטער דארט וויל עס איז ליידיג פון הייזער, כדי צו קענען דארט האבן עלעקטער דארף מען אדורך גיין גאר אסאך דעטאלן, און עס קען זיך שנעל פארציען גאר א לאנגע צייט, איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל וויסן ווי און צו וועם איך דארף רעדן עס צו האבן, און אזוי אויך אז עס זאל נעמען שנעל, שכח אייבערשטער אז מען האט שוין ברוך השם די וואך אריינגעצויגן די זוילן און געצויגן די עלעקטריק ווייערס פאר די נייע הייזער וואס קומט בקרוב מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף.

### יענקי פיש

יום טוב שבועות בין איך געווען אין ברסלב'ע שטעטל, די וועטער עקספערטן האבן געזאגט אז עס גייט שטארק רעגענען יום טוב, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל נישט רעגענען, בפרט אז איך דארף גיין א לאנגע וועג פון די דירה ביז די שול, שכח אייבערשטער עס האט גארנישט גערעגענט א גאנץ יום טוב.

## נייעס אין שטעטל

### באזוך פון דעם ראש ישיבה שליט"א

א שיינע באזוך איז פארגעקומען דאנערשטאג אינדערפרי פרשת בהעלותך פון דעם ראש ישיבה שליט"א.

אינדערפרי האט דער ראש ישיבה שליט"א מיטגעדאווענט שחרית מיט די אינגעלייט אין שטעטל, דערנאך איז די ראש ישיבה אריבער צו די דירה פון די חשובע בחורים וואס האלטן זיך אויף דא אין שטעטל ווילאנג מען דארף ארבעטן צו ענדיגן די עירוב.

דערנאך איז דער ראש ישיבה שליט"א אריבער צו די בית פיגא סקול ווי ער איז איבער געגאנגען מיט די איינגעשטעלטע אין סקול א לענגערע צייט אלע דעטאלן פון די סקול און וויאזוי יעדע מיידל איז מצליח, ווי אויך צו זיי גייען אלע בצניעות און אזוי ווייטער.

דערנאך איז דער ראש ישיבה צוריק געפארן אין ישיבה ווייטער מחזק זיין די בחורים וואס ווארטן צו הערן יעדעס ווארט פון דעם ראש ישיבה שליט"א.

### פרוטה'לעך קאמפיין

גאר א שיינע מסיבה איז פארגעקומען די וואך זונטאג נאכט בהשתתפות פון דעם ראש ישיבה שליט"א אין שטוב פון ר' אייזיק ראטה הי"ו, דער ראש ישיבה האט פארטיילט תעודות הכרת הטוב פאר די אינגעלייט וואס האבן ארויסגעהאלפן מיט די פאריגע צוויי קאמפיין'ס "מיין הארץ" און מיין לעבן", ווי אויך האט דער ראש ישיבה ארויס געברענגט לשבח אז די צען אינגעלייט וואס האבן פאריאר געהאלפן מיטן געבן צען טויזענט דאלער פאר די אומאן בילדינג – האבן דא אלע אייגענע דירות אין שטעטל און זענען שיין מצליח.

דער עולם איז ארויס פון די מסיבה מיט גאר א זעלטענע ווארימקייט צו העלפן ביי די יעצטיגע "פרוטה'לעך קאמפיין" מיט וואס נאר מען קען, ובפרט אנצוריפן גוטע פריינד זיי זאלן געבן וויפל זיי קענען ארויסצוהעלפן אונזער הייליגע מוסד.

ווי אויך הערט מען אז ביי די פרויען פון שטעטל הערשט א גרויסע ווארימקייט צו העלפן די מוסד, ווי מען הערט נאך האבן זיי שוין די וואך נאך פאר די קאמפיין האט זיך געפענט צאמגעשטעלט גאר שיינע סכומים פון די פרוטה'לעך וואס משפחה און גוטע פריינד געבן מיט די גאנצע חשק פאר אזא הייליגע און חשובה מוסד וואס אונז האבן ברוך השם.

### נייעס אין בית פיגא שטעטל סקול

גאר א שיינע סידור פלעי איז געווען אין בית פיגא סקול די וואך ווי די טיטשערס האבן אריין געלייגט אסאך כוחות צו אויסלערנען די קינדער א שיינע שפיל – ווי מען האט אויפגעשפילט די מעשה פון הייליג'ן בעל שם טוב אלץ קינד, געפלאכטן מיט אסאך תוכן וויאזוי מען קען דורך גיין די וועלט נאר דורך רעדן צום אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך, אלע קינדער האבן באקומען א גאר ווערדפולע מתנה – א שיינע נייע סידור. ווי מען הערט צוריק האבן אלע מאמעס גאר שטארק הנאה געהאט צו זעהן ווי סאך מען לייגט אריין אין די קינדער, בפרט די אמונה וואס מען פרעגעלט אריין אין זיי.

## סימן טוב ומזל טוב

מיט גרויס פרייד
טוהן מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר האברך החשוב
**יענקי יאקאבאוויטש נ"י וזוגתו פייגא תחי'**
צו די געבורט פון זייער מיידל בעבי למזל טוב
דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך אידיש נחת געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים.

מזל טוב!

# א בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

בעזרת השם יתברך - יום ד' לסדר במדבר, "יום המיוחס" שנת תשע"ה לפ"ק

**לכבוד מיין טייערע חבר ... נ"י**

איך האב דערהאלטן דיין בריוו.

איך בין אמאל געווען אינטן ביי מוהרא"ש אין שטובל נאך א ליל ששי שיעור מיט נאך איינעם פון אנ"ש, און יענער האט געפרעגט פארשידענע שאלות וכו', האט אים מוהרא"ש געענטפערט בזה הלשון: דער רבי זאגט ביי די תיקון הכללי דאס ערשטע תיקון הברית איז נישט איבער טראכטן, זאגט אים מוהרא"ש **טראכט נישט אזוי סאך** וכו'! און דאס איז ארויס פון מוהרא"ש'ס מויל מיט אלע מיני חן.

דאס זעלבע זאג איך דיר טייערע ... נ"י הער זיך אויף צו באשולדיגען, דו ביסט א אדם השלם איש האשכולות, אן חנופה, נאר איין זאך פעלט דיר - איינער זאל שטיין און דיר זאגן כסדר אז דו טוסט גוט, איך בין גרייט דאס צו טוהן.

און בנוגע דיין זוהן'ס שידוך, דיין זוהן איז א ברכה פון הימל, זארג נישט פאר אים. ווען איינער האט א גולם מיט א רינעדיגע נאז וכו' דארף ער אויך נישט דאגה'נען ווייל א שידוך קומט פון באשעפער, כל שכן דיין זוהן איז ממש א ברכה, און ... נ"י איז גארנישט אזוי אינטערשטעלונג, און ווער רעדט נאך פון ... תחי' און ... תחי' און .... נ"י און ... נ"י און ... נ"י, **ביזט א ביליאנער.**

קוק נישט וואס מענטשן זאגן, זיי ממשיך מיט הפצה דאס וועט ברענגען די גאולה.

**פון דיין חבר וואס האט דיך זייער ליב באמת ובתמים אן ליצנות.**

~~~~~~~~~~

בעזרת השם יתברך - יום ד' לסדר במדבר, "יום המיוחס" שנת תשע"ה לפ"ק

**לכבוד מיין טייערע ליבער ... נ"י המפיץ הגדול והמזכה את הרבים, ולכבוד מרת ... תחי'**

קודם וויל איך דאנקן מרת ... תחי' פארן מחזק זיין די פרויען פאריגע וואך ביי די "פרויען צאמקום" אלע האבן זייער הנאה געהאט, ואם קטנה אתה בעיניך איז עס נאר בלבולים וכו', ווייל איר האט א גרויסע כח השפעה און איר רעדט זייער גוט, מי יתן אז איר זאלט דאס טוהן מער אפט, אזוי סיי איר און סיי אייער מאן זאלן זיין **איין שטיק הפצה** - איין שטיק "פאר יענעם" - איין שטיק "זארגן פאר א צווייטן" וכו'.

שטארק אייך און זעהט אז עס זאל זיין שלום צווישן אייך, מען קען נישט האבן שלום בית נאר אז סיי די מאן און סיי די פרוי זענען גרייט מוותר צו זיין איינעם פארן צווייטן און האבן סבלנות.

יעצט פאר דיר ... נ"י אפאר ווערטער, **גיי הפצה אזוי וועסטו ווערן רייך בגשמיות וברחניות**, און ווען דו האסט אביסל צייט כאפ אריין אביסל תורה, איך ווארט צו הערן פון דיר א סיום מסכת, אדער משניות אדער ליקוטי מוהר"ן וכדומה.

**א חג כשר ושמח וואונטש ענקער ראש ישיבה וואס איר זענט איינגעקריצט טיף אין מיין הארץ.**

~~~~~~~~~~

בעזרת השם יתברך - יום א' לסדר במדבר, שנת תשע"ה לפ"ק

לכבוד מיין טייערע... נ"י

איך האב זייער הנאה אז דו קומסט אריין צו די שיעור מאנטאג נאכט, אפילו עס איז דיר שווער צו קומען צו פארן א ווייטע וועג פון קרית יואל און עס שוואכט אפ, דאך איז עס זייער א וויכטיגע זאך, ווייל **א מענטש אן שיחות חברים - אן התחזקות קען אזוי שנעל צופאלן**, און עס ווערט פארגעסן אלעס וואס מען האט געלערנט.

דערפאר פארלייגט זיך דער יצר הרע מיט אלע תירוצים אז מען זאל זיך נישט צוזאמען קומען און מען זאל פארגעסן פון אלע עצות וואס דער רבי גיבט אונז.

אשריך אז דו דאווענסט שבת אין היכל הקודש, נער'ישע אינגלייט דאווענען נישט אין היכל הקודש מיט פוילע תירוצים 'עס איז ווייט' 'עס איז שווער', איך זאג דיר טייערע ... נ"י דו זאלסט וויסן ביי דיר **דו האסט נאר איין שול ווי צו דאווענען "היכל הקודש"**, זאל רעגענען - זאל שנייען - זאל זיין הייס, איך גיי נישט אוועק פון רבי'ן.

א גרויסן ישר כח פאר אלעס וואס דו העלפסט מיר.

**פון דיין ראש ישיבה.**


**צו באשטעלן מענער אדער קינדער שיך**
**רופט יואל וועבערמאן נ"י**
**845-662-8423**

**מיר נעמען אן צו בעביסיטן**
**רופט משפחת טייטעלבוים**
**845-376-0380**

**מיר נעמען אן צו פאררעכטן קליידער**
**רופט משפחת וועבערמאן נ"י**
**845-662-4083**